# הליכות ושיחות קודש

## של כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

יוצא לאור על ידי מכון מעדני מלך וויען

חודש תשרי תשפ"ד לפ"ק

***שבת קודש – יום א' דראש השנה***

בליל ראש השנה אחר תפלת ערבית ואמירת לדוד מזמור, עברו כל הקהל לפני **רבינו שליט"א** להתברך בברכת לשנה טובה שנמשכה למשך זמן רב, בעוד שמאות רבות מתושבי העיר מגיעים להתברך בברכת הקודש.

לפני תפלת מוסף דרש **רבינו שליט"א** דברי התעוררות בגודל קדושת היום, ובענינה של יום טוב של ראש השנה שחל בשבת, שעל אף שחכמינו ז"ל תיקנו שאין לתקוע שופר בפועל, בכל זאת חייבו אותנו בזכרון תרועה, כשהכוונה להתבונן ולהתעמק בענינה של שופר, ובזה מקיימין ונשלמה פרים שפתינו.

**רבינו שליט"א** עמד על כך שהרי מטרת קול השופר הוא להקיץ את האדם משינתו העמוקה בהבלי עולם, ולכאורה בראש השנה שחל להיות בשבת, הרי אין שומעין קול השופר, ומה מקיץ את האדם מתרדמתו. אלא ביאר שהרי איתא בירושלמי (ר"ה א-ג) שגם הקב"ה בעצמו שומר תורתו, ולכן בכל שנה כאשר אנו מקיימין מצות תקיעת שופר, הרי גם הקב"ה כביכול תוקע בשופר. אבל בראש השנה שחל בשבת, שסיבת הדבר שאין אנו תוקעין הוא בגלל גזירת חכמים של שמא יעבירנו ד' אמות ברשות הרבים, וזאת אינו שייך למעלה אצל הקב"ה כביכול, ולא עוד אלא שהקב"ה כולי עלמא דיליה הוא.

ולאור דבריו אלו המשיך **רבינו שליט"א** לומר, שכיון שהקב"ה תוקע שופר אף בשבת, ולכל אחד מישראל הרי יש בו נשמה חלק אלוק ממעל ממש, לכן מגיע קול התרועה של הקב"ה לנשמת כל אחד ואחד וזה מעורר אותנו להקיץ, ומזה נמשך ובאה ההתעוררות לאדם בראש השנה. וזהו ה'קול דודי דופק פתחי לי', שגם כאשר 'אני ישנה' שינה עמוקה בהבלי עולם הזה, אבל 'לבי ער' לב של כל אחד ואחד מלא געגועין להקב"ה להיות קרוב לדודי.

בסיום דבריו הביא **רבינו שליט"א** מה דאיתא בפרקי דרבי אליעזר (פרק ג) שעד שלא נברא העולם נתייעץ הקב"ה בתורה לברוא את העולם, שהכוונה בזה שביקש הקב"ה להראות לכל יושבי תבל שהנהגת העולם יהא בייעוץ התורה וחכמיה, וכמאמרם (מועד קטן טז:) מי מושל בי, צדיק, ולא יעשה ה' אלקים דבר כי אם גלה סודו אל עבדיו הנביאים, ולכן צדיקי עולם מרבים בתחינה ובקשה על עם ה', להמציא להם השפעות טובות ברוחניות ובגשמיות.

**רבינו שליט"א** התפלל תפלת מוסף לפני התיבה בהתעוררות עצומה ובהשתפכות הנפש כבן המתחטא לפני אביו, ובפרט באמירת פסוקי זכרונות וכו'.

במשך התפלות ביום א' דראש השנה אמר **רבינו שליט"א** הקדישים, לרגל יומא דהילולא של **כ"ק מרן רבינו בעל עזר מיהודה זצוק"ל.**

*

***יום ב' דראש השנה***

לפני התקיעות דרש **רבינו שליט"א** בטעם שהתקינו חכמים לשלב שני ימי ראש השנה להיות ליום אחד, כמאמרם ז"ל (ביצה ד:) שהוא יומא אריכתא, כיון שהשפעת מצות תקיעת שופר גדולה מאד, ויש בכוחה להמתיק דינים ולבטל מקטרגים, לכן על אף שביטלו חכמים מצוה זו בראש השנה שחל בשבת, ובגלל כן ניטל מאתנו האור הגדול של מצוה זו, על כן כדי לתקן זאת התקינו שב' ימי ראש השנה יהיו יומא אריכתא, ויום השני הוא חלק בלתי נפרד מיום ראשון, לכן תקיעת יום שני מקושר ליום אחד לחודש, ועדיין הוא יום תרועה, וכל ההשפעות, גשמיים ורוחניים, שתלויים במצות תקיעת שופר נמשכים ויורדים ביום זה.

בסיום דבריו עורר **רבינו שליט"א** לנצל את היום הזה, שאם החסיר האדם מלנצל את היום הראשון, הרי ב' ימי ראש השנה ניתנו להיות יומא אריכתא, ויש להשלים מה שנחסר אתמול. ואמר שתואר 'יומא אריכתא' כולל גם לשון רפואה כמאמר הכתוב (ירמיה ל-יז) כי אעלה ארוכה לך וממכותיך ארפאך, שמה שהחסיר אתמול ברפואת הנפש, יש להשלים היום.

אחר הדרשה עלה **רבינו שליט"א** על הבימה לתקיעת שופר, והתחיל באמירת למנצח לבני קרח מזמור, ופסוקי מן המצר וכו', ואחר כך המשיך בתפלת מוסף לפני התיבה בהתעוררות עצומה ובהשתפכות הנפש כבן המתחטא לפני אביו.

טרם נטות צללי ערב הלך **רבינו שליט"א** לאמירת תשליך, ואמר פסוקי מי א-ל כמוך וגו', ומזמור שיר המעלות ממעמקים פסוק בפסוק. אחר אמירת התפלות ניער שולי בגדיו כנהוג.

*

***יום שלישי פרשת האזינו ב'***

בשעות אחר הצהרים הגיע אצל **רבינו שליט"א** מחותנו **כ"ק האדמו"ר מזלאטשוב שליט"א** לברך ולהתברך לקראת ימי הרחמים והרצון.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לעיר מאנסי לבית הרבני הנגיד רבי **שמואל באדאנסקי** שליט"א, שם שהה משך כמה שעות לקבל את קהל אנשי שלומינו לברך ולהתברך לקראת ימי הרחמים והרצון.

*

***יום רביעי פרשת האזינו ב'***

בשעות הערב קיבל **רבינו שליט"א** בביתו נאוה קודש קהל אנשי שלומינו לברך ולהתברך לקראת ימי הרחמים והרצון.

*

***יום חמישי פרשת האזינו ב'***

אחר תפילת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **מאיר צבי ברוין** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות וברכות וקריאת השם. אחר כך השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז היינט שלש עשרה מדות. די אלע טעג פון סליחות ביז איבער יום הקדוש, זאגט מען די תפילות פון א-ל מלך יושב על כסא רחמים, וזכור לנו היום ברית שלש עשרה, דער באשעפער זאל אונז געדענקן ברית שלש עשרה.עס קען זיין לענינינו, ביי א ברית מילה וואונטש מען, כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים. און עס דארף א ביאור, מען זעהט נישט אז ביי אנדערע מצות זאל מען ווינטשן אזא ברכה, אז אזוי ווי ער האט געטון די מצוה, זאל ער טון אנדערע מצות.

**עס** קען זיין די גמרא (סוטה ה.) זאגט אקעגן די ענין פון גיאות און ענוה, אז יעדע מדה דארף מען דאך גיין בדרך הממוצע, אבער ווען עס קומט צו גיאות, דארף א מענטש גיין אל הקצה. פון דעסטוועגן דאך זאגט די גמרא, אז א תלמיד חכם מעג זיך האלטן שטאלץ א שמיני שבשמינית. דער **חתם סופר** (פ' ויצא קלח:) שרייבט, אז דער געדאנק דערפון איז, אז שמיני שבשמינית, גייט ארויף

אויף מצות מילה וואס איז ניתן לשמיני, די אכטן טאג מל'ט מען א קינד. און עס איז די אכטע מצוה וואס מען איז מחויב געווארן. שבע מצות בני נח האט דאך שוין אדם הראשון באקומען, אברהם אבינו האט צובאקומען מצות מילה, קומט אויס אז עס איז די אכטע מצוה וואס יודן זענען מצווה געווארן, און עס איז אינעם אכטן טאג. זאגט די חתם סופר, אז מצות מילה איז מרומז אין שמיני שבשמינית, עס איז די אכטע מצוה, און עס איז אין אכטן טאג.

**וואס** מיינט עס אז א תלמיד חכם קען זיך גרויס האלטן, אין די מצוה פון שמיני שבשמינית. נאר יעדע מצוה וואס א יוד טוט, קען דען א מענטש זאגן אז ער האט עס מקיים געווען אזוי ווי עס דארף צו זיין, תחת אשר לא עבדת את ה' אלקיך בשמחה ובטוב לבב מרוב כל (דברים מח-כז). ער זאל קענען זאגן, אז ער האט מקיים געווען יעדע מצוה בלתי לה' לבדו, נאר פארן אייבערשטען אליין, אן קיין זייטיגע פניות, און אנדערע כוונת וואס עס איז דא דעריין. ביי א מענטש איז נישט שייך ער זאל זיך קענען שטאלץ האלטן מיט זיינע מצות ומעשים טובים וואס ער האט געטון, עס איז נישט געטון געווארן בשלימות. נאר די מצוה פון מילה וואס א קינד איז מקיים, ווען ער איז נאך א קליין קינד, ער האט נישט קיין שום שלעכטע כוונה, דער טאטע איז אים מכניס בבריתו של אברהם אבינו, דאס איז א מצוה וואס ווערט מקויים אויף א יוד אן קיין שום פניה, אן קיין שום זייטיגע סיבות. אפילו דער טאטע אליין וואס מל'ט דאס קינד, כי עליך הורגנו כל היום (תהלים מד-כג), ווען נישט פארן אייבערשטען'ס וועגן וואלט ער דאך נישט געלאזט צו רירן צו קיין קינד, לאזן גיסן פון אים בלוט. איז דאך מצות מילה א מצוה וואס א מענטש איז מקיים אלץ קליין קינד בלתי לה' לבדו, אן קיין שום פניות.

**כשם** שנכנס לברית, אזוי ווי ער איז אריינגעגאנגען לברית, האט ער דאך מקיים געווען די מצוה אן פניות, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, מען וואקסט אויף שפעטער, דער שכל ווערט רייפער און מען הייבט שוין אן צו האבן זייטיגע כוונות אויך, זאל מען עס קענען מקיים זיין, אזוי ווי עס איז מקויים געווארן ביי אים די מצוה פון ברית מילה.

**איז** אפילו עס איז נישט שייך אז א מענטש זאל זיך שטאלץ האלטן מיט זיינע מעשים, אבער מצות מילה, דאס האט ער זיכער מקיים געווען אן קיין שום פניה. איז אפילו מען טאר זיך נישט שטאלץ האלטן, אבער א שמיני שבשמינית, די שטאלץ וואס איז נוגע מיט די מצוה פון מילה, וואס דער אייבערשטער האט אונז מצוה געווען, דאס איז שייך אז א מענטש זאל זיך קענען מתגאה זיין. די מצוה האט ער מקיים געווען בשלימות, ער האט נישט געהאט קיין שום זייטיגע כוונה, דער טאטע האט עס מקיים געווען בשמחה, כל מצוה שקיבלה עליהם ישראל בשמחה, עדיין עושין אותו בשמחה (שבת קל.). איז מצות מילה, וואס איז א שמיני שבשמינית, דארט איז שייך אז א מענטש זאל זיך קענען מתגאה זיין.

**די** גמרא (יבמות ה:) זאגט אויף מצות מילה, אז עס איז נכרתו עליה י"ג בריתות. מצות מילה אליין האט אויף זיך דרייצן ברית'ן. קען מען דאך זאגן, ווען מען בעהט פונעם אייבערשטען רחמים, קען מען דען זאגן אונז האב מיר געטון מצות ומעשים טובים, אז עס קומט זיך אונז דער באשעפער זאל זיך מרחם זיין אויף אונז, אבער וזכור לנו ברית שלש עשרה, דער באשעפער זאל אונז געדענקען די מצות מילה וואס דאס איז י"ג בריתות וואס יעדער יוד איז עס מקיים מיט מסירת נפש, און מען טוט עס בשמחה, אן קיין שום פניה, אז די מצוה זאל קענען ביישטיין ווייטער אויך.

*

בשעות אחר הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **מענדל גאלדבערגער** הי"ו, שישב שבעה על פטירת אחיו הר"ר **דוד יהושע גאלדבערגער** ע"ה.

בשעות הערב קיבל **רבינו שליט"א** קהל אנשי שלומינו לברך ולהתברך לקראת ימי הרחמים והרצון.

***שבת קודש פרשת האזינו ב'***

בשעות אחר הצהרים התקבצו קהל רב וגדשו את היכל הבית המדרש לשמוע את דבר ה' בדרשת שבת שובה של **רבינו שליט"א**. **רבינו שליט"א** התחיל בדברי אגדה ודרש בסוגיא דמצות עשה שהזמן גרמא (קידושין לד.), ופלפל בכמה אנפין בענין ועוד.

*

***יום ראשון - ערב יום הכיפורים***

אחר אמירת סליחות קיים **רבינו שליט"א** מנהג כפרות. אחר סדר הכפרות הלך לבית השחיטה ובדק את החלף, ואחר השחיטה כיסה הדם בעפר.

אחר תפילת שחרית קיבל **רבינו שליט"א** קהל אנ"ש להתברך לקראת יום הקדוש הממשמש ובא. אחר כך נטל ידיו לסעודת היום.

*

***יום הכיפורים***

כחצי שעה אחר זמן הדלקת הנרות עלה **רבינו שליט"א** לפני הארון הקודש לדרשת כל נדרי, והרחיב בדברי התעוררות בגודל קדושת הזמן של ימים אלו שהנביא קורא 'דרשו ה' בהמצאו קראוהו בהיותו קרוב', שהקב"ה נמצא קרוב לכל אחד ואחד, ועל האדם רק לקיים יעזוב רשע דרכו וגו'.

והמשיך **רבינו שליט"א** שלא יעשה האדם חשבונות כמה הוא מרוחק מהשי"ת, וכמה עליו להשתדל בכדי לשוב יתברך, אלא ידע שהקב"ה מצוי וקרוב אצלו בשעה זו, ופותח את ידו בתשובה לקבלו, רק יש לנצל את הזמן הזה לשוב ולהתקרב אליו. ואם יעלה בלב האדם מחשבה שהוא לא יכול עוד להשתנות, יזכור מצבם של בני ישראל שהיו במצרים, שהיו שקועים במ"ט שערי טומאה ולא יכלו להתמהמה עוד, וכאשר נתקרבו להשי"ת זכו להתעלות במתן תורה עד ש'אני אמרתי אלקים אתם' והקדימו נעשה לנשמע, לשון שמלאכי השרת משתמשין בו. וביאר בזה מה שאומרים בתפלה 'מקרא קודש', שמן השמים יש קריאה לעורר את האדם לשוב למקורו, על ידי 'זכר ליציאת מצרים', שיעלה על זכרונו את מצבם של בני ישראל כשהיו בארץ מצרים וזכו להתעלות מבירא עמיקתא לאיגרא רמא.

בהמשך עורר **רבינו שליט"א** בענין הזהירות שלא להכניס טומאה למקדש ועל כל אחד לקבל קבלות טובות בענין זה. כמו כן עורר על חינוך הבנים ולנצל עתה את הזמן הנשגב להתפלל ולבקש רחמים עליהם, שלא תמוש התורה מפיהם ומפי זרעם.

*

***יום שלישי פרשת וזאת הברכה***

בשעות הערב התקיים סיום כתיבת ספר תורה בבית **רבינו שליט"א** שנכתבה ע"י ידידינו הר"ר **אברהם יהודה שווארץ** הי"ו לע"נ אחיו ע"ה.

ואחר כן התקיים סיום כתיבת ספר תורה שנכתבה ע"י ידידינו הר"ר **שלום קליין** הי"ו והסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים ובאותו מעמד מסר לו **רבינו שליט"א** אות הוקרה על נדבת לבו לטובת בית מדרשינו ובמיוחד בעד נדבתו לפאר ולרומם בית מדרשינו בספסלים והשלחנות החדשים.

*

***יום חמישי פרשת וזאת הברכה***

בשעות אחר הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל הר"ר **דוד שאהנבערגער** הי"ו על פטירת אשתו ע"ה.

בשעות אחר הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **חיים אליעזר הערשקא** ע"ה.

בשעות אחר הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הישיש הר"ר **יהושע מארמארשטיין** ע"ה.

*

***ליל ב' דסוכות***

בליל יום טוב שני התקיים שמחת בית השואבה בהסוכה הגדולה שע"י בית מדרשינו. אחר שזימרו מזמורי שיר המעלות וניגוני החג השמיע **רבינו שליט"א** דברי תורה בעניני החג.

*

***ערב שבת קודש - הושענא רבה***

ביום הושענא רבה ניגש **רבינו שליט"א** לפני התיבה לאמירת הלל והושענות. לפני אמירת ההלל הסיר הטבעות מהלולב, ונתן טבעות הלולב על אצבעותיו כמנהג בית אבותיו.

אחר תפלת המוספין הצטופפו קהל רב מאנ"ש לקבל עלי הערבה מידו של **רבינו שליט"א** לסגולה ולהצלחה. גם חילק **רבינו שליט"א** טבעות הלולב לכמה מבחורי אנ"ש.

*

***ימי שמיני עצרת ושמחת תורה***

הימים האחרונים של חג בצל קדשו של **רבינו שליט"א** היתה חטיבה אחת של התרוממות הנפש, ושמחה וחדוה עילאה בה' ובתורתו הקדושה, הדרא דלא אפשר למיפרט בשפוותא.

בליל שמיני עצרת אחר תפלת מנחה השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש, בגודל קדושת היום ובשמחתה, כאשר תיאר השמחה הגדולה שהיתה בבית המקדש בחג הסוכות, שם היו שואבין רוח הקודש, ועל פי המבואר בספה"ק **שפת אמת** (שנת תרמ"ד) בטעם הדבר, כיון ששם נתקבצו שורשי כל עניני השמחה שבעולם שנה ונפש. אך עתה כאשר חרבה עירנו ושמם בית מקדשנו, והשרה הקב"ה קדושת המקדש ושכינתו בבתי כנסיות ובתי מדרשות, ואין לנו שיור רק התורה הזאת, ופקודי ה' ישרים 'משמחי' לב, לכן אף בימינו אלה בבוא חג הסוכות ושמיני עצרת, כשאנו מתאספים בבתי מדרשות לשמוח בה' ובשמחת התורה, גם כן מצטרפים עתה שלשת הענינים של עולם שנה ונפש, ויכולים אנו לשאוב רוח של קדושה ושמחה, להמשיכה על נפשנו.

והוסיף **רבינו שליט"א** שבשמיני עצרת יש בה עדיפותא יותר מחג הסוכות, מאחר ואנו ממשיכים את הקדושה והשמחה שהיתה בחג הסוכות, על דרך תוספות שבת שממשיכין מכח קדושת השבת לתוך ימי החול, וכפי שדרשו בגמרא (סוכה מח.) 'והיית אך שמח' לרבות לילי יום טוב האחרון של חג. לכן שמחת החג צריכה להיות כל כך מרומם, שגם כאשר תהיה 'אך', בבחינת 'גונח וכוהה', בכל זאת תהיה גם כן שמח, שמרוב תענוג ושמחה יתבטל ממנו כל צער ועגמת נפש.

*

אחר תפלת מערבית בלילי החג ניגש **רבינו שליט"א** לפני התיבה לאמירת פסוקי אתה הראת וכו', וערך את סדר ההקפות בלהט קודש, כאשר קהל הקודש אותו כחומה מסבבים, ולצדם בחורי חמד וילדי צאן קדשים על מקומותיהם במעלות ההיכל, כולם רוגשים ומתרוממים בעוז ותעצומות, בעת אשר בו ירוץ צדיק ונשגב בעבודה עילאה, לשוש ולשמוח בשמחת התורה.

מה נהדר היה מראה כהן גדול בריקודין הנלהבים, כאשר **רבינו שליט"א** מפזז ומכרכר בכל עוז. ובריקודין עילאין בניגוני 'אנא עבדא דקודשא בריך הוא' 'ואמר ביום ההוא הנה אלקינו זה וכו'. ובספר תורה הכרוך בזרועו מנענע בנענועי קודש לצידי ההיכל בהקפה השישית (חוץ מליל שמיני עצרת שחל בשבת), בעוד שבין ההקפות מושרים ניגוני דביקות והתעוררות, בגעגועי אהבה להשי"ת, ובפרט ברגשי בכי והתעוררות בשירת ניגוני חב"ד עתיקים, ניגון ד' בבות, ניגון הכנה, ובניגון אהבה רבה (להרה"ק מהרצ"ה מרימנוב זי"ע) ועוד, אשרי עין ראתה כל אלה.

בהקפות השביעית בלילי שמיני עצרת ושמחת תורה, רקד **רבינו שליט"א** עם מאות ילדי התשב"ר צאן קדשים, בעוד שהציבור מזמרים ומטפחים במחיית כפיים, בתפלת 'זרעא חיא וקיימא זרעא די לא יפסוק ודי לא יבטול מפתגמי אורייתא'. וביום שמחת תורה בהקפה השביעית רקד **רבינו שליט"א** עם בחורי אנ"ש בניגון 'יראו עינינו וישמח לבנו ותגל נפשנו בישועתך' 'וטהר לבנו לעבדך באמת', והשירה התגברה בריקוד

נלהב ומרומם, כאשר **רבינו שליט"א** מזמר הניגון 'אמר רבי עקיבא אשריכם ישראל' בדביקות עצומה, וכל הקהל עונים אחריו פיסקא בפיסקא בשמחה ובהתרוממות הנפש. אחר כל ההקפות ביום ובלילה בירך **רבינו שליט"א** את כל הקהל בפסוקי 'ברכת כהנים' באהבה ובקול רם, ואמר כל העם אמן הללוי-ה.

*

ביום שמיני עצרת לפני קריאת התורה התקיימה שמחת הכנסת ספר תורה שנכתב על ידי ידידינו הנכבד הר"ר **שלום קליין** הי"ו. והעם פצחו בשירה וזמרה בעת שהכניס **רבינו שליט"א** הס"ת מחדרו הפרטי לבית המדרש וערך הריקודין כנהוג ובריקוד מיוחד עם הנדבן הדגול שיחי' ועם משפחתו הנכבדה הי"ו.

לתפלת מוסף וגשם ניגש **רבינו שליט"א** לפני התיבה. אחר התפלה התקיים קידושא רבה לכבוד שמחת הכנסת ספר תורה.

ביום שמחת תורה עם סיום ההקפות עלה **רבינו שליט"א** לתורה בקריאת פרשת וזאת הברכה, ואחר הפסקה קצרה לקידוש היום, התקיים קריאת החתנים בבית המדרש. **רבינו שליט"א** עלה ל'חתן תורה' כנהוג.

בשעות הערב הסיב **רבינו שליט"א** לנעילת החג, כאשר קהל הקודש יחדיו משוררים ניגוני התעוררות ודביקות של ימים הנוראים, ובהתעוררות מיוחדת בעת שזימרו הניגון 'יהא רעוה קדמך' ברגשי בכי וגעגועי קודש, מה יפו פעמיך בנעלים.

אחר שזימרו ניגוני התעוררות לזמן ממושך, השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו בגודל קדושת ירח האיתנים, ואהבת ישראל לאבינו שבשמים שאמרו 'לא די לנו בהמועדים שנתת לנו, אנו צריכים עוד', ונמצא שהשמחה שיש בשמיני עצרת ושמחת התורה נובע מאתערותא דלתתא, מהתשוקה והגעגועין של בני ישראל להקב"ה, לכן כמה גדול ומיוחד השמחה בימים אלו.

והמשיך **רבינו שליט"א** לומר שכאשר יוצאים מימי שמחה הנעלים האלו, יש לקבל קבלות טובות להתחזק בקביעות עתים לתורה, ולהתנהג על פי התורה. בהמשך עורר בגודל הזהירות לישא וליתן באמונה; לדבר בנחת עם הבריות; לקדש שם שמים בהליכות עולם. כמו כן הזכיר לשבח לימוד חבורת **'ובהם נהגה'** שע"י קהלתנו הק' שעומדים עתה לסיים מסכת כתובות ולהתחיל מסכת נדרים, ועורר שיש להצטרף לחבורה.

בסיום הדברים האציל **רבינו שליט"א** את ברכת הקודש והזכיר את אחינו יושבי ארץ ישראל שה' ישמור אותם מכל צרה וצוקה, לשמוע בשורות טובות, עדי נזכה לראות בישועתן של ישראל.

אחר אמירת דברות קודש נגנו ניגוני שמחה, ניגון 'בנה ביתך', 'לשנה הבאה בירושלים'. אחר כך קיים **רבינו שליט"א** מנהג זריקת התפוחים לכל קהל הקודש, וחילק אגוזים כנהוג.

***סיום דברות קודש:***

**די** גמרא (חגיגה ג.) זאגט, מה יפו פעמיך בנעלים (שיר השירים ז-ב), ווי שיין זענען געווען די טריט פון יודען, בנעלים, ווען זיי זענען ארויפגעגאנגען אין בית המקדש. יעדן יום טוב האבן יודען איבערגעלאזט די שטוב, און יעדער איינער איז ארויפגעגאנגען צום בית המקדש, לעלות ולראות ולהשתחות לה'. זאגט די גמרא, מה יפו פעמיך, ווי שיין זענען דיינע טריט, בנעלים, ווען דו ביסט ארויפגעגאנגען מיט די שיך אין בית המקדש. זאגט די גמרא ווייטער, בתו של אברהם אבינו, כנסת ישראל איז א טאכטער פון אברהם אבינו, וואס אברהם אבינו ווערט אנגערופן נדיב לב, שלבו נדבו, ווייל זיין הארץ האט אים מנדב געווען צום אייבערשטען. און וועגן דעם ווערן אלע גרים אנגערופן נדיבי עמים, ווייל זיי זענען נדיבים פון די פעלקער, וואס זיי האבן זיך מנדב געווען אלעס איבערצולאזן און זיך מדבק זיין אינעם אייבערשטען. און אויף דעם זאגט די פסוק (תהלים מז-י) נדיבי עמים נאספו עם אלקי אברהם, זיי זענען די עם פון אברהם, ווייל אברהם איז געווען דער ערשטער וואס האט געוויזן דער וועג, אז א מענטש קען איבערלאזן וואס עס איז געווען פון פריער, און זיך מדבק זיין אינעם אייבערשטען.

**די** גמרא דארף האבן א ביאור. ווען מען וויל זאגן אז יודען האבן עולה רגל געווען, זיי זענען ארויפגעגאנגען אין בית המקדש, און עס איז געווען מה יפו פעמיך בנעלים, דארף עס נישט אסאך הסברים ווי שיין עס איז געווען ווען אלע יודען האבן איבערגעלאזט די שטעט, און מען האט עולה רגל געווען. איז פון א פאר טאג פאר יום טוב גאנץ ירושלים אנגעפולט געווארן, פון יודען וואס האבן זיך אריבערגעצויגן, ער מיט די בני בית, אויף די טעג פון יום טוב, ארויף צום מקום המקדש. זיכער איז געווען שיין, די פיס פון יודען וואס איז געווען בנעלים, און פארוואס דארף דער פסוק שפעטער צושטעלן בת נדיב, דו ביסט א טאכטער פון אברהם אבינו, וואס אברהם אבינו איז געווען דער אב פון די גרים, וואס איז דער קשר פון נדיבי עמים נאספו עם אלקי אברהם, אן דעם משל וואלט מען אויך פארשטאנען וואס דאס מיינט מה יפו פעמים בנעלים, ווי שיין עס איז עס איז געווען ווען מען איז ארויפגעגאנגען אין בית המקדש.

**עס** קען זיין דער ענין דערפון איז, ווען א יוד האט געדארפט ארויפקומען אין בית המקדש ליראות את פני ה', ער האט זיך געדארפט באווייזן פארן אייבערשטען, וויפיל האט אים די הארץ געציטערט, ווי אזוי קען איך זיך באווייזן פארן אייבערשטען, וויאזוי זעה איך אויס, וואס האב איך אויפגעטון דאס יאר, וויפיל האב איך געלערענט דאס יאר, וויפיל מצות האב איך מקיים געווען דאס יאר, וויפיל האב איך געטון זאכן וואס איך האב נישט געדארפט צו טון, בושתי ונכלמתי להרים פני (עזרא ט-ו), און איך דארף זיך באווייזן פארן אייבערשטען, דער באשעפער זאל מיך אנקוקן, ווען איך ווייסט ווי אזוי איך זעה אויס, ווי האט זיך א יוד געקענט צוזאם קלויבן ער זאל קענען ארויפגיין און זיך באווייזן פארן אייבערשטען. מיט וואס האט ער זיך מחזק געווען.

**מען** זאגט נאך פון איינע פון די צדיקים, וואס האט אמאל גערעדט וועגן די חשיבות פון מקוה. אז טהרה איז א געוואלדיגע ענין, ער גייט אין מקוה און עס איז אים מטהר פון אלעם וואס איז געווען. האט ער געזאגט, אז מען זעהט (יבמות מו:) ווען א גוי וויל זיך מגייר זיין, ער וויל ווערן א יוד, דארף ער האבן צוויי זאכן, מילה און טבילה. מילה פארשטייט מען, אן דעם איז נישט דא קיין כריתות ברית מיטן אייבערשטען. אבער טבילה, וואס טוט ער, ער גייט אריין אין מקוה, און ער טובל'ט זיך, און ער קומט ארויף און ער איז געווארן א יוד. און אויב ער טוט נישט די טבילה, ער גייט נישט אין די מקוה, קען ער נישט ווערן קיין יוד. האט ער געזאגט, מה דאך א גוי וואס גייט אין א מקוה, קען ווערן פון א גוי א יוד, איז דאך א כל שכן אז א יוד וואס גייט אין מקוה, קען ווערן פון פשוטע יוד א בעסערער יוד.

**ווען** א יוד איז ארויפגעגאנגען בבית ה', האט ער זיך פארגעשטעלט, אמת איך זעה אויס אזוי ווי איך זעה אויס, אבער איך בין דאך נישט ערגער פון א גוי, וואס קומט אריין אין בית ה', נדיבי עמים נאספו עם אלקי אברהם, אברהם אבינו איז געווען א קינד פון תרח, ער איז נישט אויפגעוואקסן אזוי ווי תרח, נאר ער האט זיך געטוישט צו ווערן אן אברהם אבינו. אברהם אבינו איז געווען דער ערשטער נדיב, תחילה לגרים. און אז א גוי קען זיך מגייר זיין מיט מילה וטבילה, איז כל שכן א יוד וואס איז בעסער פון דער גוי, ישראל מלאים מצות כרימון (חגיגה כז.), איז אוודאי אז אונז קען מיר זיך באווייזן פארן אייבערשטען.

**מה** יפו פעמיך בנעלים. ווי שיין זענען געווען די טריט ווען מען איז ארויפגעגאנגען אין בית המקדש, און א יוד איז געווען צובראכן ביי זיך, ווי קען איך זיך באווייזן בבית ה', און ער האט זיך דערמאנט 'בת נדיב', איך בין א קינד פון אברהם אבינו, אברהם אבינו איז געווען ראש לגרים, איך ווער א גר, איך גיי זיך מגייר זיין, וואס איז געווען נעכטן איז געווען נעכטן, איך הייב אן א נייער לעבן און דאס איז דער מה יפו פעמיך בנעלים, וואס יעדער יוד דארף מיטנעמען פונעם יום טוב, ווען מען האט זיך געדארפט שטעלן לראות וליראות פני ה', האט טאקע ווי געטון דאס הארץ ווי אזוי מען זעהט אויס, אבער איך בין געקומען אין בית ה', ווייל דער בית ה' איז א מקוה, מקוה ישראל ה', כביכול דער אייבערשטער איז א מקוה.

ווען א יוד איז ארויפגעקומען אין בית המקדש, איז ער געגאנגען אין מקוה. און די מקוה האט אים מטהר געווען, אז א גוי ווערט טהור פון א מקוה, איז דער יוד וואס איז געקומען עולה רגל זיין אוודאי אזוי.

**עס** שטייט אין תרגום (שיר השירים ז-ב) אויף מה יפו פעמיך בנעלים, ווען יודען האבן עולה רגל געווען, האבן זיי זיך אנגעטון נעלי תחש, רש"י (שמות כה-ה) זאגט אז דער תחש האט אסאך שיינע קאלירן, מיט אזעלכע שיינע שיך האבן זיי עולה רגל געווען. עס מיינט נישט פשוט אז מען איז געגאנגען אנגעטון מיט שיינע קאלירטע שיך, נישט דאס איז דער נקודה. נאר רש"י זאגט, אז דער תחש איז נאר געווען לפי שעה. מען האט געדארפט בויען א משכן, מען האט געדארפט בויען א בית ה', האט מען געדארפט האבן דערצו אלע סארט עורות וואס פארלאנגט זיך פארן משכן. און איינס דערפון איז געווען די עורות תחשים, און לפי שעה היתה, דער אייבערשטער האט באשאפן די עורות תחשים לפי שעה, כדי מען זאל עס קענען נוצן. וואס איז דער תחש זאגט רש"י, דער תחש האט זייער שיינע קאלירן, און וועגן דעם ווערט עס אנגערופן ססגונא, ששש ומתפאר בגוונין שלו, ער פרייהט זיך און ער רימט זיך מיט זיינע קאלירן.

**דער** בית המקדש האט געגעבן א וועג פאר יעדן יוד ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. תחש איז געווען אין בית המקדש, ששש ומתפאר בגוונין שלו. יעדער יוד האט א שיינעם קאליר, און יעדער יוד איז קאלערפו"ל, ער האט אסאך ערליי קאלירן. ער האט א קאליר פון תורה, און א קאליר פון עבודה, און א קאליר פון גמילת חסדים, צענדליגער מצוות וואס יעדער יוד טוט שטענדיג. מען ברענגט זיך אסאך מאל אראפ, מען איז נישט מחשיב וואס א יוד איז, מען איז נישט מחשיב וואס דער מענטש איז, עס פעלט אים די שמחת החיים, די שמחת המצוה, און דו דארפסט וויסן אז דו האסט אין דיר שיינע קאלירן, דו האסט אין דיר שיינע מידות, און דו דארפסט זעהן עס נישט קאליע צו מאכן. האלקים עשה את האדם ישר (קהלת ז-כט), דער באשעפער האט דיך באשאפן מיט אסאך ערליי קאלירן, ששש ומתפאר בגוונין שלו, בארום דיך און טו דיך פרייען מיט די גוונין. עס נישט אויסנוצן כדי צו שטאלצירן, נאר אויסנוצען פאר עבודת ה'. ווען מען האט געוואלט אויפשטעלן א משכן פארן אייבערשטען, האט מען נישט געקענט אויפשטעלן א משכן ביז מען האט נישט קיין תחשים, ביז עס איז נישט דא שש ומתפאר בגוונין שלו. דער אייבערשטער האט באשאפן א חשובע בריאה כדי עס זאל קענען זיין דער תחש, ששש ומתפאר בגוונין שלו.

**און** דאס איז די עבודה. מען איז ארויפגעגאנגען אין בית המקדש, ווייל מען וויל זיך מדבק זיין צום אייבערשטען, מען וויל זיין נאנט צום אייבערשטען, אבער וואו שטיי איך וואו געפין איך זיך, ווי אזוי קען איך זיין דבוק אינעם באשעפער. אבער מען איז ארויפגעקומען אין בית המקדש, און מען איז געזעסן אין ירושלים די גאנצע וואך פון יום טוב סוכות, כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים (ישעיהו ב-ג), ווען מען איז אהיים געגאנגען, האט מען מיטגענומען די עורות תחשים, מען האט אנגעטון שיך פון תחשים, ששש ומתפאר בגוונין שלו, יא, דו זאלסט וויסן ווען דו גייסט אוועק פון דעם יום טוב, גייסטו אוועק זייער שיין. דו גייסט אוועק מזוכך, אויסגעלייטערט, דו גייסט אוועק פון שעות תשובה, פון שעות אהבת ה'. שעות וואס דו האסט געהאט דביקות ה' דיין עבודה איז יעצט, פארליר עס נישט! האלט עס! איני מחזיר בכם המועדות (מדרש רבה פ' פנחס כג), נעם מיט דעם יום טוב. די עבודה איז יעצט, נישט קאליע צו מאכן וואס אונז האב מיר! אונז שטיי מיר אויף אזא שיינע מדריגה, ביי יעדער יוד איז יעצט דאס העכסטע וואס ער האט פון זיין לעבן, די זיכוך וואס דו האסט יעצט ווען דו שטייסט אין שמחת תורה.

**און** אונזער עבודה יעצט איז, מיטצונעמען די ימים טובים, די גוטע כוונות וואס מען האט געהאט. עס קומט א ווינטער, עס קומט א לאנג יאר שפעטער, לאמיר ממשיך זיין די אלע קבלות טובות וואס מען האט גענומען אויף זיך און עס ממשיך זיין אויף שפעטער.

**בני תורה** וואס זיצן און לערנען דארפן זיך מקדיש זיין פאר תורה, פארגעסן פון אלעם ארום

און ארום. מה יתרון לאדם שיעמול תחת השמש (קהלת א-ג), אבל למעלה מהשמש יש יתרון, וויסן די געוואלדיגע חשיבות פון יעדע שעה וואס ער זיצט אין בית המדרש און ער לערנט.

**בחורים** וואס זיצן און לערנען, דארפן אויסנוצן זייער צייט און די יונגע יארן, די שענסטע יארן וואס זיי האבן, אוועקצוגעבן נאר פאר תורה און עבודת ה', עס זאל נישט אינטערסירן אלע אנדערע זאכן. לערנען תורה שבכתב, אדורכלערנען יעדע וואך חומש רש"י, ווי עס דארף צו זיין, און נעמען די בחינות דערויף.

**בעלי בתים** דארפן מקבל זיין אויף זיך עול תורה, עס זאל נישט זיין קיין טאג וואס זאל אדורכגיין אן דעם וואס מען האט עוסק געווען אין תורה. די עיקר פון זייער עבודה, וואס דארט ליגט זייער שלימות איז, אז די וואכענדיגע זאכן זאל נישט זיין תחת השמש, יעדע זאך וואס מען טוט אין די ארבעט, דארף מען ארויסברענגען עס זאל זיין למעלה מהשמש. עס זאל זיין ערליך אויסגעהאלטן תורה'דיג, עס זאל משאו ומתנו באמונה. ווען עס קומט אויס צו רעדן מיט מענטשן, עס קומט אויס צו רעדן להבדיל אפילו מיט גוים, זאל זיין דיבורו בנחת עם הבריות. מקדש זיין שם שמים, א יוד קען מיט יעדע זאך וואס ער טוט מקדש זיין דעם אייבערשטען'ס נאמען. מיטנעמען מיט זיך די ימים טובים, לאמיר מיטגיין מיט די נעלי תחש, ששש ומתפאר בגוונין שלו, אונז זעמיר שיין, און אונז וויל מיר אנהאלטן די שיינקייט אויף שפעטער אויך.

*

**דוד** המלך זאגט (תהלים סג-ב) צמאה לך נפשי כמה לך בשרי בארץ ציה ועיף בלי מים, כן בקודש חזיתיך לראות עוזך וכבודך. צמאה לך נפשי, מיין הארץ גייט אויס פארן אייבערשטען, בארץ ציה ועיף בלי מים, אזוי ווי א מענטש וואס האט נישט קיין וואסער, און ער איז דורשטיג, און ער האט א מורא'דיגע צמאון, אזוי איז מיין צמאון צום אייבערשטען, אמאל איז דא א צמאון וואס א יוד האט, פאר עס קומט א יום טוב, פאר עס קומט די הייליגע טעג איך גיי ווערן דערהויבן, ער האט א צמאון צום אייבערשטען. אבער ווען ער איז שוין אנגעקומען, און ער איז שוין דארטן, און ער גייט שוין אוועק דערפון, הייבט אן נאכצולאזן דער צמאון צום אייבערשטען.

**זאגט** דוד המלך, צמאה לך נפשי כמה לך בשרי, איך גיי אויס אז איך זאל קענען ארויפגיין לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו. מתי אבוא ואראה פני ה', ווען וועל איך קענען נאנט ווערן צום אייבערשטען, ער האט צמאון. זאגט אבער דוד המלך, איך בעט פונעם אייבערשטען איין זאך, דער צמאון זאל נישט אוועקגיין נאכדעם וואס איך וועל שוין זעהן דעם נועם ה'. מען באגעניגט זיך אסאך מאל, איך האב געהאט א שיינעם יום טוב, עס איז גוט עס איז פיין. ניין, עס איז נישט גענוג אז דו האסט געהאט א שיינעם יום טוב, דער יום טוב דארף נישט זיין עס זאל אוועקנעמען דיין צמאון פונעם אייבערשטען, עס דארף דיר צוגעבן. דו האסט טועם געווען וואס איז טייטש נאנט זיין צום אייבערשטען, נעם עס מיט, מיט א שטאפל ווייטער, טו עס ארויפברענגען אויך צו וואכענדיגע טעג.

**האט** דוד המלך מתפלל געווען, עס איז טאקע 'צמאה לך נפשי כמה לך בשרי', אבער איך בעט פונעם אייבערשטען איין זאך, 'כן', אזוי זאל אויך זיין, ווען איך וועל שוין זיין 'בקודש חזיתך', נאכדעם וואס איך האב שוין געזעהן דעם קודש, עס איז שוין געווען 'לראות עוזך וכבודך', זאל איך קענען ווייטער בלייבן מיט די צמאון וואס איך האב צום אייבערשטען.

*

**מען** געזעגנט זיך פונעם יום טוב, און ווי מען האט פריער גערעדט, מען געזעגנט זיך נישט, מען נעמט נאר מיט, מען פאקט איין דעם יום טוב דאס מיטצונעמען אויף שפעטער. דער אייבערשטער גיט לעבן, דער באשעפער גיט געזונט, דארף מען דאנקן דעם אייבערשטען אויף דעם באשעפער'ס חסדים וואס ער טוט מיט יעדן איינעם, ואילו פינו מלא שירה כים, ולשונינו רנה כהמון גליו, אין אנו מספיקים להודות לה', וואס קען א יוד באצאלן פארן אייבערשטען פאר די

גוטס וואס ער גיט אים, איין זאך, את אלקים ירא ואת מצותיו שמור כי זה כל אדם (קהלת יב-יג).

**מען** האט פריער גערעדט די חשיבות פון לימוד התורה, די וואך וועט זיין אי"ה ביי אונז אין די קהילה די סיום פון מסכת כתובות, און מען הייבט אן מסכת נדרים. ביי אונז אין די קהילה איז דאס דער שענסטער טאג פון אונזער לעבן. מען זיצט און מען לערנט, מען נעמט בחינות. הונדערטער יונגעלייט, עלטערע און יונגערע, פארהערן זיך יעדן חודש אויף וואס מען האט געלערנט. און מען קומט זיך צוזאם און מען מאכט א שמחה דערפון, עס איז נישט קיין יחיד וואס האט געלערנט נאר גאנצע שטובער פון אזויפיל הונדערטער משפחות וואס זענען דערהויבן געווארן דורך די לימוד התורה וואס מען האט געלערנט. יעצט איז די צייט, ווער עס האט זיך נישט אנגעשלאסן דעריין, ער האט נישט קיין אנדערע שיעורים, זאל זיך מיט כאפן. מען הייבט אן צו לערנען מסכת נדרים, אז אין משך פון דעם יאר זאלסטו קענען ענדיגן די מסכת אויך.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז דער יום טוב זאל אונז באגלייטן, די אלע מצות ומעשים טובים וואס מען האט דא געטון, און די מלאכים וואס איז באשאפן געווארן דערפון, זאלן אונז באגלייטן אויף שפעטער. סוכות ברענגט א געוואלדיגן אור אויפן מענטש, יעדע רגע וואס מען איז געווען אין די סוכה. און די מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן דערפון זאלן באגלייטן דעם מענטש, פונים מסוכה לביתם לישב (מערבית לשמיני עצרת), מען זאל עס קענען אריינברענגען פון די סוכה אריין אין שטוב.

**דער** אייבערשטער האט מיך געשטראפט דעם יום טוב, איך האב נישט געקענט אזוי מקיים זיין די מצות החג ווי עס דארף צו זיין. איך דאנק דעם אייבערשטען, אז איך זיץ דא צוזאמען. לא פיללתי, ווי אזוי איך האב אויסגעקוקט אנהייב וואך, איז נישט געווען קיין הוה אמינא אפילו, אז איך זאל דא זיין צוזאמען זיך מיטפרייען צוזאמען מיטן ציבור. איך בין געלעגן מיט הויך פיבער, נישט געקענט אראפטרעטן, און פארשלאפן געוועזן. דער אייבערשטער האט געהאלפן אין זכות פונעם רבים, אז מען געפונט זיך צוזאמען, און מען האט זיך געקענט מיטפרייען אינאיינעם.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אונז זאל מיר קענען ווייטער דינען דעם אייבערשטען, די מלאכים פון סוכה וואס מען האט מקיים געווען די מצוה, און די מלאכים וואס איז חישב לעשות מצוה, איז דאך נאנס עליה ולא עשאה, מעלה עליו הכתוב כאילו עשאה (קידושין מ.), זאלן אונז באגלייטן. דער אייבערשטער זאל געבן פאר יעדער איינער דארף דאך געהאלפן ווערן מיט ישועות, רפואות, בני חיי ומזוני, און מיט אלעם וואס מען דארף צו האבן. די וואס דארפן האבן קינדער, נחת ביי די קינדער, געזונטע קינדער, קינדער וואס זענען עוסק בתורה, קינדער וואס גייען אויפן ריכטיגן וועג.

**זאל** דער באשעפער זאל געבן פרנסה בהרחבה פאר אלע יודישע קינדער. און פאר גאנץ כלל ישראל, מען לעבט און א מצב וואס מען ווייסט דאך נישט קלאר וואס עס טוט זיך אין ארץ ישראל, זאל דער אייבערשטער האלטן די רעכטע האנט ווייטער אויפן גאנצן כלל ישראל, הפורס סוכת שלום עלינו ועל כל ישראל, מען זאל נאר קענען הערן גוטע בשורות פון אלע זייטן. מען זאל זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.